STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10351

MAYN LEYNBUKH

Israel Steinbaum

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

י. שטיינבוים

מײַן לייענבוך
(ערשטע שריט)

אילוסטראַציעס
נאָטע קאָזלאָווסקי

פֿאַרלאַג דערציאונג
ניו־יאָרק, 1934

הויפּטפֿאַרקויף בײַ:

MAX N. MAISEL

424 Grand St., New York, City

Copyright 1934
by
ISRAEL STEINBAUM
New York, N. Y

געזעצט פון:
פּאַזי-שאולזאָן פּרעס (יוניאָן דרוקעריי)
3 שערמאַן עווענױ, דזשוירזי סיטי, נ. דזש.

וואָס דו דאַרפסט וויסן

ציילן

1 — איינס	20 — צוואַנציק	ערשטער
2 — צוויי	30 — דרייסיק	צווייטער
3 — דריי	40 — פערציק	דריטער
4 — פיר	50 — פופציק	פערטער
5 — פינף	60 — זעכציק	פינפטער
6 — זעקס	70 — זיבעציק	זעקסטער
7 — זיבן	80 — אַכציק	זיבעטער
8 — אַכט	90 — ניינציק	אַכטער
9 — ניין	100 — הונדערט	ניינטער
10 — צען		צענטער

1000 — טויזנט

טעג פון וואָך	די חדשים פון יאָר	די אידישע יום-טובים
	יאַנואַר	
	פעברואַר	
1) זונטיק	מערץ	פסח
2) מאָנטיק	אַפּריל	שבועות
3) דינסטיק	מאַי	ראש השנה
4) מיטוואָך	יוני	יום כיפור
5) דאָנערשטיק	יולי	סוכות
6) פרייטיק	אויגוסט	שמחת תורה
7) שבת	סעפּטעמבער	חנוכה
	אָקטאָבער	פורים
	נאָוועמבער	
	דעצעמבער	

ע ל פּ

עפּעלע עפּל
האָפּ עפּעלע
זים קעפּל
אַראָפּ קעפּעלע
פּים ליפּעלע

פּאַל אַראָפּ
אַף מיינע פּים

עפּעלע קעפּעלע צעפּעלע
זים פּים רים
האָפּ קאָפּ טאָפּ
עפּל קעפּל צעפּל

ע ל פּ



עפּעלע

עפּעלע האָפּ,
עפּעלע האָפּ,
עפּעלע, עפּעלע,
פּאַל אַראָפּ.
עפּעלע זים,
עפּעלע זים,
פּאַל אַראָפּ
אַף מיינע פּים.

ע פּ ע ל ע

ק ג

ע פּ ק ל ג

קעפּ	געל	לעקל
קעפּעלע	געלע	גלעקל
פּעק	קעל	עפּל
פּעקעלע	לעק	קעפּל

לייג זיך אַן איי

עק	עקל	עקעלע
קעפּ	קעפּל	קעפּעלע
פּעק	פּעקל	פּעקעלע

פּ	ק	ג	ל
ע	ע	ע	ע
ק	פּ	ל	ק

ק ע פּ ע ל ע

קעפּעלע, קעפּעלע,
גיב זיך אַ דריי!
ווינטעלע, ווינטעלע,
גיב זיך אַ ווײ!
הענדעלע, הענדעלע,
גיב זיך אַ קריי!
הינדעלע, הינדעלע,
לייג זיך אַן איי!

ט

ע פּ ל ג ק ט

טעפּ טעפּל טעפּעלע

קעפּ קעפּל קעפּעלע

לעק לעקל לעקעלע

געל געלע געלט

טאַנץ, מיידעלע, טאַנץ

עטל עטקע טעקעלע

טעקע טעקעלע

עלקע געלע לעק

קעל קעלט געל געלט

ג ק ל פּ ק

ע ע ע ע ע

ל ל ק ק פּ

ט ט ט ל ל



אַ טענצל

טאַנץ, מיידעלע, טאַנץ,
מיטן בלומען קראַנץ.
זעסט, דער הימל לאַכט מיט טרערן,
ועסט אין גיכן אַ כלה ווערן;
טאַנץ, מיידעלע, טאַנץ,
מיטן בלומען קראַנץ!

ט ע נ צ ע ל ע

איך האָב ליב

איך האָב ליב צוקער,
איך האָב ליב האָניק,
איך האָב ליב קעז און פּוטער.
איך האָב ליב עפּל,
איך האָב ליב באַרן,
נאָר מער פון אַלץ —
מיין מוטער!

פּוטער **מוטער**
עפּל **באַרן**

ב אָ

ע פּ ל ג ק ט ב אָ

איך האָב ליב עפּל

איך האָב ליב באַרן

בעט	בעטל	בעטעלע
באָב	בעבל	בעבעלע
גלאָק	גלעקל	גלעקעלע
גלעט	לעבט	קלעפּט

עלקע   לעבט

עטקע   לעבט

פֿאַלט אַ רעגנדל

פֿאַלט אַ רעגנדל אַראָפּ,
פֿאַלט ער שימעלען אין קאָפּ.
שימעלע וועט וואַקסן,
ביזן הויכן קאַסטן.
ביזן הויכן עלמערל,
ביז דער מאַמעס קעלנערל.
פֿאַלט אַ רעגן אַראָפּ,
פֿאַלט ער שימעלען אין קאָפּ.

פ אַ

עַ פּ ל ג ק ט ב אָ פ אַ

פּאַל קאַלב באַק אַל ע

פּאַלט קעלבל באַקט לאַטע

קעלט באַק קלאַפּ פּאַפּאַ

קאַלט בעקל קלעפּ לאַפּע

פּאַלט אַ רעגן אַראָפּ

קאַלט קעלט

גלאַט גלעט

פּאַל — פּאַלט פלעג — פלעגט

לעפּל—לעפּעלע גאָפּל—גאָפּעלע

פּאַקט פּאַקט באַקט

פלעק—פלעקט קלעפּ—קלעפּט

טאָג—טאָגט טאַק—טאָקט

קענסט דו לייענען די ווערטער?

עפּל	באָק	פּאַק	פּעק
קעפּל	טאָפּ	באַק	קעפּ
פּעקל	קאָפּ	פּאַל	עק
קעלבל	באָב	פּאַלט	לעק
טעפּל	טאָק	קאַלט	לעקט
לעפּל	טאָל	אַקט	טעפּ

און די ווערטער?

באָבע	לעפּעלע	געל
פּאַפּאַ	עפּעלע	געלט
עלקע	קעפּעלע	טעג
עטקע	פּעקעלע	טאָג
עקל	עלקעלע	קלאָג
טעקע	עטקעלע	געלע
לעב	טעקעלע	גלאָק
בעטל	טעפּעלע	גלעקל
קעלבל	בעבעלע	גלעט
בעקל	באָבעלע	גלאַט
פּאַקעט	בעטעלע	קעלט

שטעל צו

דאָ קומען ווערטער, וואָס זיינען ניט פאַרענדיקט. אז דו וועסט צושטעלן איין ריכטיק אות, וועט דערפון ווערן א אידיש וואָרט —

אזוי:

עפּ—ל	לע—ק	טע—פּ
קע—	בע—	לע—
גע—	גלאָ—	עלק—
טאָ—	טאָ—	עטק—
באָ—	טע—	קעלב—

שטעל צו

אין די ווערטער פעלט אַן אות.

שטעל צו וואָס עס פעלט:

לע—ט	ב—בע	קע—ל
ג—לט	בע—ל	—עפּל
קע—ט	פּ—קל	גל—קל

ר י
ע פ ל ג ק ט ב אָ פ אַ י ר

פאַר	ליב	ליבער	ליג
באַר	פעט	פעטער	באַרג
טיר	קאַלב	קעלבער	בערג
ביר	קעל	קעלער	געלער
ריר	קער	קערער	קאַרג

עפּל אַפן טיש

פיר	פירט	קלאָר	טעפּער
פירער	רירט	פרי	ברעג
פיל	בריק	ברי	טראָג
פילע	בליק	פליט	באָרג
לער	באַל	טריט	פליג
לערער	בעלער	בריט	שפּילט

פאַל אַראָפּ — פאַלט אַ רעגן אַראָפּ
איך האָב ליב עפּל — איך האָב ליב באַרן

עפּל מיט ברויט

עפּל, עפּל, רויט און פריש,
עפּל, עפּל — אַפן טיש.
עפּל, עפּל, רייף און רויט,
עסן, עסן מיר מיט ברויט.
עפּל, עפּל, פול מיט זאַפט,
עסן מיר און קריגן קראַפט.

רויט	ברויט
טיש	פריש
זאַפט	קראַפט

אַרבעט

אַרבעט, קינדער,
אַרבעט גוט.
ווער עס אַרבעט —
דעם איז גוט.

שטולן, טישן,
הייזער, ווענט,
זאָלן זיין
געזונט די הענט.

ש ו

ע פּ ל ג ק ט ב אָ פּ אַ י ר ש ו

פּול	טיש	רוט	רעשט
פּולע	פּור	טוט	ערשט
שול	בוד	קו	רו
שולע	שטוב	בלוט	ראַש
שטול	קרוג	שלאָג	טאש
גוט	פּיש	שטעג	פּלאַש

ווער עס אַרבעט דעם איז גוט

קוש	קישעלע	שיק	שיקט
פּור	פּיר	פּירט	פּאָרט
קלאַפּ	קלעפּ	קלאָר	קלער
שער	שערט	שערער	שערעלע

טוליפּ	שלעפּער	שטערער
בולקע	פּישער	טישלער

קענסט דו דאָס טאָן?

שרייב אַראָפּ אין דיין העפט די ווערטער.

דאָ זיינען זיי צעמישט, דו שרייב זיי ריכטיק.

אַזוי:

לעפּ = עפּל	טעלג = געלט	טאַבק = באַקט
אַלפּ =	טגאָ =	בעל =
אָקב =	לפּעל =	קעבל =
אַפּאַפּ =	פּאַלק =	טקעל =
לבעט =	פּאָגל =	קאַפּ =

ריכטיק [ ]

ניט ריכטיק [ ]

שרייב דאָס:

נעם אַראָפּ פון די ווערטער דאָס ערשטע אות וועסטו האָבן אַנדערע ווערטער.

אַזוי:

קעפּל = עפּל	פּעק = עק	גלאַטע = לאַטע
פּעקל =	בעקל =	גלאָק =
טאָל =	בעטל =	גלעקל =
באַקט =	טעפּעלע =	פּאַקט =
פּאַלט =	בעטעלע =	פלעקט =

ריכטיק [ ]

ניט ריכטיק [ ]

ג ר אַ מ ע ן

אָט איז אַ רער —— אָט איז אַ ——
אָט איז אַן עפּל —— אָט איז אַ ——
אָט איז אַ ראָק —— אָט איז אַ ——
אָט איז אַ ראַק —— אָט איז אַ ——
אָט איז אַ פּעל —— אָט איז אַ ——
אָט איז אַ 4 —— אָט איז אַ ——
אָט איז אַ באַר —— אָט איז אַ ——
אָט איז אַ טאָטער — אָט איז אַ ——
אָט איז אַן אָל —— אָט איז אַ ——
אָט איז אַ קאָפּ —— אָט איז אַ ——

שרייב אַראָפּ די ווערטער אין דיין העפט. שטעל צו די ווערטער וואָס פעלן. אָט זיינען די ווערטער וואָס פעלן:

טאָפּ	באָק
בער	באַק
קעפּל	קאַר
טאָל	טיר
פּאָטער	קעל

ריכטיק [ ]

ניט ריכטיק [ ]

שלאָפליד

שלאָף אין פרײדן,
דו װײסט קײן לײדן,
שלאָף, מײן טײער קינד.
שלאָף, מײן פײגעלע,
מאַך צו דײן אײגעלע,
שלאָף-זשע, שלאָף געזונט.

פ ף

עפלגקטבאָפאַירשוף

שלאָף רוף שלעפער פיף-פאַף
שלאַפער אַף שלעפער פעפער
שיף שאַפע טרעף פורפור
שיפער שאַף פאָר שקלאַף
טיף שאָף פאָר שקאַפע
טיפער שעפער אַרוף

שלאָף מיין טייער קינד

שרייב אַראָפּ די ווערטער אין דיין העפט.

שטעל אַ פינטעלע (.) אין פ ווען מען דאַרף:

שלעפער, טעפער, טיפער, קופע, טופע, פליט, פילקע,
פאָטער, פעקל, פור, קלאַפ, פישער, פאָרט, שפילט,
פאַלט, פלאַש, פאַקעט, לעפל, פעטער, קלעפער

[ ] ריכטיק

[ ] ניט ריכטיק

ײ

עפֿלגקטבאָפֿאַירשוףײ

טײ	לײג	רײטער
בײ	קרײ	פֿײג
פֿלײש	קרײט	שלײף
גרײט	פֿײער	בלײב
רײ	גלײד	קײט
קײ	שטײ	שטײג
טײער		רײב

קענסטו צײלן אַף אידיש?

צײל:

אײנס	1
צװײ	2
דרײ	3
פֿיר	4
פֿינף	5
זעקס	6
זיבן	7
אַכט	8
נײן	9
צען	10



העלדן

איינס און צוויי
און דריי און פיר —
וואָס מיר זיינען
זיינען מיר.

כאָטש מיר זיינען
יונג און קליין —
ווי די העלדן
דאַרף מען גיין.

וואָס מיר זיינען, זיינען מיר

גיין	איינס (1)
קליין	צוויי (2)
זיינען	דריי (3)
העלדן	פיר (4)

שטעל אַ פּלוס (+) אָדער אַ מינוס (—)

ביי די ווערטער וואָס זיינען ריכטיק אויסגעלייגט שטעל א פּלוס אַף דער רעכטער זייט. ביי די ווערטער וואָס זיינען ניט ריכטיק אויסגעלייגט שטעל אַ מינוס.

אַזוי:

(—) שאַפּע	(—) באָבער
(+) קעלער	(+) אַרבעט
( ) שיפּ	( ) ליפּ
( ) אַרבט	( ) בריק
( ) לעקט	( ) שיקט
( ) עפּלע	( ) פּריק
( ) פּעטער	( ) פּלאַש
( ) שלאָפּ	( ) פּאָטע
( ) שרעקט	( ) פֿעטער
( ) פּעפּער	( ) לייטער
( ) קלאַפּ	( ) טיי

שטעל אַ פּלוס (+) אַדער אַ מינוס (—)

ביי די ווערטער וואָס דו קענסט לייענען שטעל אַ פּלוס אַף דער רעכטער זייט.

אויב דו קענסט ניט לייענען אַ וואָרט שטעל אַ מינוס אַף דער רעכטער זייט —

אַזוי:

(+)	עפּעלע	( )	קאָרב	( )	בולקע	( )	גלעט
( )	ברעקלט	( )	קערבל	( )	פּישער	( )	טעג
( )	קאָפּ	( )	בריק	( )	שיקט	( )	בערג
( )	ליפּ	( )	בער	( )	פּלאַש	( )	גראָב
( )	פּעקער	( )	אַרבעט	( )	טוליפּ	( )	קלוג
( )	קעלער	( )	פּאַפּאַ	( )	שלאָף	( )	טרעגער
( )	לעקער	( )	לעבט	( )	פּעפּער	( )	ברעג
( )	פּעקל	( )	קאַלב	( )	פּעפּער	( )	טאָג
( )	עטקעלע	( )	באָבע	( )	טיפּער	( )	שטייג
( )	טאָפּ	( )	פּעטער	( )	פּורפּור	( )	בייג
( )	באָק	( )	שקאַפּע	( )	רייטער	( )	ליג
( )	טאָל	( )	פּאַקעט	( )	לייטער	( )	בייגל
( )	לעבער	( )	בריק	( )	בלייב	( )	שלאָג
( )	לעב	( )	בעלער	( )	קרייט	( )	קלאָג
( )	לער	( )	שפּילט	( )	פּלייש	( )	געלער
( )	באַרן	( )	שרעקט	( )	טיי	( )	טראָג
( )	טאָק	( )	טישלער	( )	שלייף	( )	גלייך
( )	טאַקע	( )	קייט	( )	לייג	( )	פּייג
( )	טרעט	( )	קלאַפּ	( )	שלאָג	( )	טראָג

ריכטיק [ ]

ניט ריכטיק [ ]

ס ז

עפּלגקטבאָפֿאַי
רשופייסז

באַס	ביז	גאַס	זיס
פּאַס	בעז	געז	זיסער
ריס	בייז	זעג	לאָז
בים	בייזער	זאָג	לעז
שאָס	זייער	זייגער	לעזער

שפּילט אַ בער אין מיטן גאַס

פּאַל אַראָפּ אַף מיינע פּיס
גיב זיך אַ דריי
וואָס מיר זיינען, זיינען מיר
עפּל פּול מיט זאַפט
שימעלע ווער וואַקסן
ווי די העלדן דאַרף מען גיין
זעסט, דער הימל לאַכט מיט טרערן
ווער עס אַרבעט, דעם איז גוט



קלעזמער

מיט דעם סמיטשיק אַפּן באַס,
שפּילט אַ בער אין מיטן גאַס:
בו-בו-בו! בו-בו-בו!

פּויקט אַ העלפאַנד — טרעפט מיט וואָס?
אין אַ פּייקל מיט דער נאָז!
בים-בים-באַם! בים-בים-באַם!

סמיטשיק העלפאַנד

פּייקל שפּילט

טרעפט מיט וואָס?

צ

ע פּ ל ג ק ט ב אָ פּ אַ י

ר ש ו ף יי ס ז צ

קעצל קעצעלע צאָפּ ציג

צעטל צעטעלע צעפּל צייג

צייל פאַרציילט טעצל צוג

צאָל באַצאָלט צירל געצעלע

צו צודעק צוריק ציגעלע

אַ ציגעלע אַ גאָלד

צעטייל צעפאַל שירצל

צערייב צעבער שטערצל

צעטרייב ציטער טענצל

צורו ציפער קרענצל

צופוס צאַצקע פלעצל

צאָפּ שאָס לאָז

קעצל זיסער בייזער

דאָס ציגעלע

דער טאַטע האָט א ציגעלע,
אַ ציגעלע אַ גאָלד.
ער האָט פאַר איר צוויי גילדן נאָר,
צוויי גילדן נאָר באַצאָלט.

געקומען איז א קעצעלע —
דאָס ציגעלע צעריסן;
געקומען איז א הינטעלע —
דאָס קעצעלע צעביסן.

גאָלד צעריסן
באַצאָלט צעביסן

דאָס ציגעלע דאָס קעצעלע

מ

עפֿלגקטבאָפּאַי
רשוףײסזצמ

מיט	בלימעלע	קרעמער
מיר	מירעלע	קרעמל
מוטער	רעמעלע	קאַמער
מאַמע	שימעלע	קעמערל
קומט		ביימל

גיב מיר ברויט מיט פּוטער

צימער	פּאַרמער	מער
שטומער	זומער	מערער
לאָמער	טאָמער	שמיר
ביימער	קעמל	שמירער
עמער	זאַמל	שמאַטע

אַ בים פּאַר מיר
אַ בים פּאַר דיר



נ. קאזלאווסקי

ברויט מיט פּוטער

ברויט מיט פּוטער,
ברויט מיט פּוטער —
גיב מיר ברויט מיט פּוטער.
שנייד פֿאַר מיר
און שנייד פֿאַר דיר —
און שנייד אויך פֿאַר דער מוטער.

ברויט מיט האָניק,
ברויט מיט האָניק —
איז גוט און זיס צוזאַמען.
אַ ביס פֿאַר מיר,
אַ ביס פֿאַר דיר —
אַ ביס אויך פֿאַר דער מאַמען.

קענסטו דאָס טאָן?

נעם אַראָפּ די לעצטע צוויי אותיות

וועטסו האָבן נייע ווערטער:

שפּילקע	טישלער
פּילקע	קלאָרער
שערער	טוער
קערער	קלאַפּער
לערער	שלעפּער

פון די ווערטער מאַך נייע

אַזוי:

עלטער = טעלער	רעשט =
טאַש =	פּעקל =
פּאַלש =	קיש =
טראָט =	רעק =
קעלט =	ראַש =
גלעט =	פּישער =

מירעלע

לערן אויס די ווערטער און דערנאָך לייען דאָס מעשהלע

איז	קינד	נאָר
איר	קען	לאַכן
און	ניט	ווי
דעם	מילך	זאָגן

מירעלע איז זייער אַ פּיצל קינד.
זי קען ניט רעדן, ווי מיר. זי קען נאָר זאָגן:
מאַמע, טאַטע, באָבע.
אַלע לאַכן ווי מירעלע רעדט.
דעם זיידן רופט זי — זייצי.
שימעלען רופט זי — שימי.
ציפּעלען רופט זי — ציצי.
לייבעלען רופט זי — בייבי.
מילך איז ביי איר — מאָלי.
בולקע איז ביי איר — בובי.
און פּוטער — פּופּי.

די פאַמיליע

דער טאַטע — איינס,
די מאַמע — איינס,
איינס און איינס איז צוויי.
און אַז איך נאָך בין דערביי —
איינס און צוויי איז דריי.
די מומע גייט, איך עפן איר —
דריי און איינס — וועט זיין שוין פיר.

איינס, צוויי, דריי, פיר

דערביי	איך
גייט	און
וועט	זיין



ד

ע פּ ל ג ק ט ב אָ פ אַ י

ר ש ו פּ יי ס ז צ מ ד

דער	לעדער	מיד	מיידל
די	בעדער	מעד	קליידל
דו	מידער	רעד	ביידל
דיר	פעדער	ראָד	דריידל
דאַר	לידער	ליד	פּלעדל

פון איינס — אַ סך

אַז דו וועסט צושטעלן **ער** צו די ווערטער וועט פון איינס ווערן אַסך —

אַזוי:

קלייד = קליידער
ליד =
פעלד =
געלט =
ראָד =
באָד =
פלאַש =
גלאָז =
פאַס =

וי

ע פּ ל ג ק ט ב אָ פּ אַ י

ר ש ו ף יי ס ז צ מ ד וי

רויט	אַזוי	פּוילער
טויט	גרוי	פּויל
ברויט	שטרוי	לויפּער
רויז	בלוי	לויף
שוים	גרויס	שוידער
לויטער	קויטיק	קרויט

הער נאָר אויס אַ מעשה,

גיב מיר ברויט מיט פּוטער.

דריי און איינס וועט זיין שוין פיר.

עפּל, עפּל, רויט און פריש.

שימעלע וועט וואַקסן ביזן הויכן קאַסטן.

א ציג און אַ רויז

צווישן ווילדע דערנער
וואַקסט אַ שיינע רויז.
קומט א ציג מיט הערנער,
הערנער — אַזוי גרויס.

הער נאָר אוים א מעשה
אַ מעשה הער נאָר אוים:
די ציג איז אַ ווייסע,
אַ רויטע די רויז.

רויטעדי
רויטעדי
רויטעדי
רויז.
די ציג איז אַ ווייסע,
אַ רויטע די רויז.

ה

ש ר י אַ פ אָ ב ט ק ג ל פּ ע

ה י ו ד מ צ ז ס יי פּ ו

הוידע	האַלצהעקער	האַלז
האָר	האָבער	האַס
האַק	הייזער	הערצל
הויז	הירש	הימל
הויף	העקער	היטל

העכער, העכער, הוידלקע.
הער נאָר אויס א מעשה.
איך האָב ליב האָניק.
שימעלע וועט וואַקסן ביזן הויכן קאַסטן.
דער הימל לאַכט מיט טרערן.

הוט	היטל	הויז	הייזער
האַק	העקל	האָר	הערעלע
האָז	העזל	האַלז	העלזל

אַף דער הוידע

הוידע, הוידע, הוידלקע,
פּיסלאַך אין דער הויך.
ווייסע קליינע טייבעלאַך,
פליען אין דער הויך.

העכער, העכער, הוידלקע,
באַלד איז שוין דער הימל.
נאָך אַביסל, נאָך אַביסל,
ריר איך אָן דעם הימל.

פּיסלאַך הויך
ווייסע קליינע

נ—ן

ע פֿ ל ג ק ט ב אָ פּ אַ י ר ש
ו פֿ יי ס ז צ מ ד ױ ה נ—ן

ניט	נוס	פון	קליינע
נייט	נים	קיין	דערנער
נאַט	נויט	בין	הערנער
נאַר	נאַש	עפן	קינד
נאָז	נישט	שוין	הונט

מורמלען	רוישן	שטילינקע
טומלען	קוישן	שנייעלע
קומען	גלעטן	בינען
נעמען	בעטן	קענען
שעמען	מעקן	שיינען

הון — הינער   האָן — הענער

פֿאָן — פֿענער   בין — בינען

האָרן — הערנער

דער פרילינג

מער ניט קיין שנייעלע,
פרעסטעלע, קעלט.
שטילינקע ווינטעלאַך
רוישן אין פעלד.
וועקן די גרעזעלאַך,
גלעטן די בלום,
מורמלען אין ביימעלאַך,
שטיפן אַרום.

ווינטעלאַך　　　　אין
וועקן　　　　בלום
מורמלען　　　　אַרום
ביימעלאַך



שרייב אריין אין העפט:

שטעל צו ען צו די ווערטער:

שיין — עפן — טומל —

קען — בין — שניי —

שטעל צו ער צו די ווערטער:

גרויס — לויף — ליד —

טויט — פויל — קלייד —

שטעל צו ן צו די ווערטער:

רויש — מעק — הירש —

גלעט — האַק — רויז —

בעט — הויף — ברויט —

נעם אַראָפּ דעם לעצטן אות:

רויט — קוק — מיר —

טויט — זים — רייז —

גרויס — שאַר — שטיין —

קענסטו דאָס טאָן?

אויב דאָס צווייטע וואָרט מיינט דאָס זעלבע, ווי דאָס ערשטע, שטעל אַ פּלוס נאָכן צווייטן וואָרט. אויב דאָס צווייטע וואָרט מיינט ניט דאָס זעלבע, שטעל אַ מינוס נאָכן צווייטן וואָרט.

אַזוי:

פּאָטער — טאַטע	(+)	זים — ביטער	( )
מוטער — מאַמע	( )	רייס — רייז	( )
פּעפּער — פּעפּער	( )	זע — קוק	( )
שטיי — גיי	( )	בולקע — זעמל	( )
עס — פרעס	( )	פּעסער — בעסער	( )

ריכטיק [ ] [ ]

ניט ריכטיק [ ] [ ]

לייג צו איין אות וועסטו האָבן נייע ווערטער. שרייב אַראָפּ אין דיין העפט:

צייל — ציילט	בייז — בייזער	שפּילקע —
צאָל —	זים —	ליבע —
מי —	ריי —	רן —
פּי —	קריי —	שאַר —
ליב	שטיי —	קעל —

זומער

וועלף און בערן אין די וועלדער,
שאָף און רינדער אַף די פעלדער,
פישעלאַך און פייגעלאַך,
אינגעלאַך און מיידעלאַך,
אַלע, אַלע קוועלן אָן
ווען דער זומער-לעב קומט אָן.

נ. קאזאראווסקי

וו

ע פּ ל ג ק ט ב אָ פ אַ י ר ש
ו ף יי ס ז צ מ ד וי ה נ-ן וו

ווען קוועלן וועלדער דאַוונען
וואָס קוואַס ווידער האַווקען
וועלף שווער ווייסער שאַנעווען
ווער שוועמל וויסן צוויי

ווינט — ווינטן	וואַנט — ווענט
וויי — ווייען	ווייז — ווייזן
ווער — ווערן	וועק — וועקן
וועל — וועלן	וואַש — וואַשן
ווייס — ווייסן	וויל — ווילן
וואָג — וואָגן	וויג — וויגן

ווער עס אַרבעט — דעם איז גוט
ווען דער זומער-לעב קומט אָן

דאָס פֿליגעלע און דאָס פֿייגעלע

אַ פֿליגעלע האָט דערזען אַ ראָזע אין גאָרטן.

— גוט מאָרגן, ראָזע!

— גוט מאָרגן, פֿליגעלע. וואָס ווילסטו עפּעס זאָגן גוטס?

— הער אַ לידעלע: ז-ז-ז-ז.

— אַ פֿיין לידעלע, — זאָגט די ראָזע.

— גאָר אַ פֿיין לידעלע, — זאָגט אַ פֿייגעלע פֿון דער ווייטנס. — פֿלי צו נענטער וועסטו מיר זינגען און איך וועל הערן.

דעם פֿליגעלע איז דאָס זייער געפֿעלן און האָט זיך געשטעלט נענטער און געזונגען: ז-ז-ז-ז.

— נאָך נענטער, פֿליגעלע, — זאָגט דאָס פֿייגעלע,
— נענטער, איך הער שלעכט.

דאָס פֿליגעלע האָט זיך געשטעלט גאָר נאָענט לעבן פֿייגעלע.

דאָס פֿייגעלע האָט געטאָן אַן עפֿן דאָס מויל — האָפּ!

און געענדיקט דאָס לידעלע.

אין	און	איז
איך	זיך	נאָך

קאָנטראַסטן

צו יעדן וואָרט וואָס קומט דאָ, שטעל צו אַ וואָרט, וואָס מיינט דאָס פאַרקערטע.

אַזוי:

קליין — גרויס

זיס —

דין —

שמאָל —

טונקל —

קראַנק —

זאַט —

טויט —

קאַלט —

טאָג —

מאַך פון יעדן וואָרט אַ זאַץ.

אַזוי:

האָניק איז זיס — גאַל איז ביטער

זומער איז———— ווינטער איז————

איך און דו

איך און דו, דו און איך —
כאַ-כאַ-כאַ-כאַ!
לאַכן הויך און שפּילן זיך —
לאַ-לאַ-לאַ-לאַ-לאַ!

דו די קאַץ, איך די מויז —
זאָלסט זיך נאָר ניט דראַפּען.
דו אַריין, איך אַרויס —
ווער וועט וועמען כאַפּן?

קאַץ מויז

ווי רופט מען אַזאַ שפּיל?

כ–ך

ע פּ ל ק ט ב אָ פ אַ י ר ש ו פּ
יי ס ז צ מ ד וי ה נ–ן וו כ–ך

כאַפּ	בוד	נאַכט
כאַפּן	בויד	וואַכט
כאַטע	שוד	לאַכט
בייקע	שיד	לייכט

שימעלע וועט וואַקסן ביזן הויכן קאַסטן

קיד	קאָכן	געקאָכט
וואַך	וואַכן	געוואַכט
כאַפּ	כאַפּן	געכאַפּט
ליכט	לייכטן	געלייכט
שוד	שיד	שיכעלע
בוד	ביכער	ביכעלע
בויד	בייכער	בייכעלע
הויד	העכער	העכסטער

דער שוסטער

אָטאָ אָטאָ איז אַ באַרג,
אָטאָ אָטאָ איז אַ טאָל.
זיצט אַ שוסטער אַפן באַרג,
מיט אַ האַמער, מיט אַ נאָל.

שטעכט דער שוסטער מיטן נאָל,
מיטן האַמער שלאָגט ער גיך:
איינס און צוויי
און איינס און צוויי —
וואַקסן אויס צוויי קליינע שיך.

1) מיט וואָס קלאַפּט דער שוסטער?

2) מיט וואָס נייט דער שוסטער?

3) וואָס מאַכט דער שוסטער?

אי איי או אוי

אין	איבער	אייזן	איילן
און	אויך	איר	איז
איין	אייער	אויף	אום
אוים	איך	איינער	איינס
איידע	אייער	אויבן	אויוון

איינס און צוויי און דריי און פיר
וואָס מיר זיינען, זיינען מיר.

גיין — איבערגיין, אונטערגיין, אויסגיין

לויפן — איבערלויפן, אונטערלויפן, אויסלויפן

שרייבן — איבערשרייבן ,אונטערשרייבן, אויסשרייבן

האַקן — איבערהאַקן, אונטערהאַקן, אויסהאַקן

שניידן — איבערשניידן, אונטערשניידן, אויסשניידן

איד	אינגל	אידיש	אינגער
(ייד)	(יינגל)	(יידיש)	(יינגער)

געסט

קיץ, קאַץ, קעצעלע,
וואַש מיר אויס אַ טעצעלע,
ס'קומען געסט צו מיר.
ס'קומט די מומע מירעלע,
מיט דער טאָכטער צירעלע —
עפן זיי די טיר.

וואַשט די קאַץ אַן אויערל,
עפנט זיך דאָס טויערל,
ס'קומען געסט צו מיר.
ס'קומען קינדער ברעקעלאַך,
רייטן זיי אַף שטעקעלאַך —
עפן זיי די טיר.

צ–ץ

קאַץ האָז קעצעלע העזעלע

טאַנץ מויז טענצל מייזל

וויץ בים פּעסל וויצן

שמייץ באַס אַביסל געסט

זיץ גרים אונזער אויסער

טאַנץ, מיידעלע, טאַנץ

מיטן בלומען קראַנץ

זיצן — געזעסן

טאַנצן — געטאַנצט

שיסן — געשאָסן

ווייזן — געוויזן

שמייסן — געשמיסן

בלאָזן — געבלאָזט

בייסן — געביסן

פּוצן — געפּוצט



שטעל צו אַ וואָרט

אין דעם מעשהלע פעלט דאָס לעצטע וואָרט פון זאַץ. אפן אָרט פון דעם וואָרט שטייט אַ — . לייען איבער דאָס מעשהלע און שטעל צו דאָס וואָרט, וואָס פעלט).

דאָס אינגל און דער פויער

אַ אינגל האָט זיך געבאָדן אין אַ ———— . דאָס אינגל האָט ניט געקענט ———— . ער האָט זיך אָנגעהויבן ———— . האָט דאָס אינגל דערזען אַ ———— . שרייט ער צום פויער:
— גערואַלד, ראַטעווע ———— !
האָט דער פויער גענומען שרייען אַפן ———— :
— פאַרוואָס ביסטו אַריין אין טיפן ———— ?
— פריער ראַטעווע ———— . נאָכדעם וועסטו שרייען אַף ———— , האָט דאָס אינגל ———— .

אָט זיינען די ווערטער, וואָס פעלן:

געזאָגט	מיר	פויער	אינגל	טייך	מיך
טרינקען	שווימען	וואַסער	שווימען		

מ–ם



נ. קאזלאווסקי

אַרום דער וועלט

רונד אַרום,
רונד אַרום,
שווימט די שיף
אין ים׳ען אום.

אָנגעלאָדן
מיט פאַרמעג,
קומט די שיף
אַהיים צום ברעג.

שטורעמווינט,
זונענשיין,
אָט אַזוי
טאָג אויס, טאָג איין.

ווערט אַ רעש,
אַ געשריי,
אַ געלאַף
און אַ געדריי.

אויסגעוועזן
אומעטום,
קערט די שיף
צוריק זיך אום.

צו דעם ברעג,
פון דעם ברעג,
אויסגעלאָדן
דאָס פאַרמעג.

די שלאָגסט זיך גאָר

פּערעלע איז אַראָפּ אין גאָרטן זיך געזעגענען מיט אירע בלומען.

די בלומען זיינען געווען שוין פאַרוועלקט.

זי האָט געוואָלט זיך געזעגענען מיט די פיי-געלאַך, זיינען זיי געווען שוין אַוועקגעפלויגן.

פּלוצלונג האָט איר ווער אין אַקסל אַ קלאַפּ געטאָן:

אַן עפּל איז פון בוים געפאַלן.

פּערעלע האָט זיך אומגעקוקט — אַן עפּל!

זי האָט אים אופגעהויבן און מיט אַ געלעכטער אַ זאָג געטאָן:

די שלאָגסט זיך גאָר, עפּעלע? וועל איך דיך דערפאַר אופעסן.

און פּערעלע האָט מיט אירע ווייסע ציינדעלאַך דאָס עפּעלע איינגעביסן.

געזעגענען—זאָגן: זיי געזונט. פאַרוועלקט—פאַרדאַרט

פּלוצלונג—מיט אַמאָל אומגעקוקט—אומגעדרייט

אים בוים

דריי בולקעס און איין בייגל

אַ פּויער איז געווען הונגעריק. האָט ער זיך געקויפט אַ בולקע און אופגעגעסן. איז ער ניט זאַט געוואָרן. האָט ער זיך געקויפט נאָך אַ בולקע און אופגעגעסן. איז ער נאָך אַלץ געווען הונגעריק. האָט ער זיך געקויפט א דריטע בולקע און אופגעגעסן. איז ער נאָך אַלץ ניט זאַט געוואָרן.

איז ער אַוועק אין קרעמל און זיך געקויפט א בייגל. ער האָט אופגעגעסן די בייגל און איז גלייך זאַט געוואָרן.

האָט זיך דער פּויער אַ קלאַפּ געטאָן אין קאָפּ און געזאָגט:

— סאַראַ נאַר איך בין! אומזיסט אופגעגעסן אַזויפיל בולקעס. איך האָב פון אָנהייב געדאַרפט קויפן אַ בייגל.

בולקע   בייגל

וועלכע נאָך ווערטער ווייסטו פאַר ברויט?

פאַרשרייב אין העפט אַלע אַזעלכע ווערטער.

יאַ יע יאָ ין

יאַריד	יאָרן	יענער	יונג
יעגער	יאַנקל	יאָסעלע	יאָמער
יאָגן	יעדער	יאַגעדעס	יאָדער

יאָגן — געיאָגט   יאָר — יאָרן

דער הונט און דער וואָלף

אַ יעגער איז איינמאָל אַרויס אַף יאַגד מיט זיין יונגן הינטל. מיט אַמאָל האָט דאָס יונגע הינטל דער־זען אַ וואָלף און זיך גענומען יאָגן נאָך אים.

— אָט בין איך דאָס פלינק, — האָט דאָס יונגע הינטל זיך באַרימט אַפן קול, — דער וואָלף האָט מורא, ער איז שוואַכער פון מיר, דעריבער אַנטלויפט ער.

האָט זיך דער וואָלף אומגעקערט צום הונט און געזאָגט:

— יאָ, איך אַנטלויף, אָבער ניט פון דיר, נאָר פון דיין באַלעבאָס, וואָס גייט דאָרט הינטער דיר.

זיבן אידן

פאָרן, פאָרן זיבן אידן,
אַף יאַרידן האַנדלען.
פירן אידן אַף יאַרידן,
ראָזשינקעס מיט מאַנדלען.

נאַכט און רעגן אַף די וועגן,
און די רעדער קלעפּן.
אין דער נאַכט און אין דעם רעגן
קוים די פערדלאַך שלעפּן.

יאַרידן האַנדלען פאָרן
ראָזשינקעס מאַנדלען פירן

קאָנטראַסטן

צו יעדן וואָרט, וואָס קומט דאָ, שטעל צו אַ וואָרט, וואָס מיינט דאָס פאַרקערטע.

אַזוי:

1) ווייס — שוואַרץ
2) הויך —
3) קורץ —
4) זומער —
5) וואַסער —
6) לאַנגזאַם —
7) נאָנט —
8) שטומפּיק —
9) שטאַרק —
10) רייך —
11) פויל —
12) ליגן —
13) דאָרט —
14) רעכטס —
15) היים —
16) פרייד — טרויער
17) ערד —
18) יונג —
19) איצטער —
20) פאַרמאַכט —
21) טומל —
22) אינגל —
23) טרוקן —
24) פיינט —
25) יענער —
26) אויבן —
27) פלאַך —
28) שטום —
29) נאַקעט —
30) בלינד —

קענסטו מאַכן אַ זאַץ פון ביידע ווערטער?

אַ שפּיל אין ווערטער

פון איין וואָרט מאַכן אַ סך ווערטער — ניט אַלע קינדער קענען דאָס טאָן. אָבער די שפּיל איז ניט שווער. אָט ווי דאָס ווערט געטאָן: איר נעמט אַ וואָרט, צעטיילט עס אַף די באַזונדערע קלאַנגען און פון די קלאַנגען שטעלט איר צוזאַמען נייע ווערטער. אָט האָט איין אינגל אין קלאַס גענומען דאָס וואָרט

ו י ל ד ע ר

און געמאַכט צוואַנציק נייע ווערטער, אַזוי:

1) וויל
2) דער
3) וועל
4) ליד
5) לידער
6) לער
7) לערער
8) ער
9) לעדער
10) רעדער
11) רעדל
12 וועלדער
13) ווי
14) ווער
15) ווירע
16) ווידער
17) ריר
18) ריווע
19) ערד
20) ווילד

וויפל נייע ווערטער וואָלט איר געקענט מאַכן פון דעם וואָרט

פ אַ ר ב י י ג ע ל אָ פ ן

זש

זשאַבע   סאַזשע   זשוקעס

די זשאַבע און דער אָקס

אַ זשאַבע האָט אַמאָל געזען אַן אָקס. דער אָקס איז געווען זייער אַ גרויסער. די זשאַבע איז געווען זייער קליין.

האָט די זשאַבע אויך געוואָלט ווערן אַזוי גרויס, ווי דער אָקס.

וואָסזשע האָט די זשאַבע געטאָן?

זי האָט זיך גענומען בלאָזן און אָנבלאָזן, שטאַרק און שטאַרקער. אַזוי לאַנג און אַזוי גרויס — ביז זי האָט געפּלאַצט.

פאַרוואָס האָט די זשאַבע געוואָלט ווערן גרויס?

קאַרוסעלן

רונדאַ, רונדאַ, רונד אַרום
אַף די קאַרוסעלן.
יאַנקל-באַנקל בול-בול-בול
הערט ניט אוף צו קוועלן.

אַ פוס אַהער, אַ פוס אַהין,
און דאָס פערד אינמיטן.
יאַנקל-באַנקל פייער-פלאַם —
אַז רייטן איז געריטן.

ראָד אַריין און ראָד אַרויס,
אַזש דער קאָפּ פאַרדרייט זיך.
יאַנקל-באַנקל יאָגט זיין פערד,
יאָגט זיין פערד און פרייט זיך.

מיכל, מיכל

מיכל, מיכל! וואוהין לויפסטו?
מיכל, מיכל! זאָג, וואָס קויפסטו?

איך לויף קויפן מיר אַ טיכל,
וואָס סע ווישט דאָס פּנים ריין.
איך לויף קויפן מיר אַ ביכל,
וואָס עס לערנט זיך אַליין.
איך לויף קויפן מיר אַ שיכל,
וואָס סע טראָגט אַף מיילן ווייט.
איך לויף קויפן מיר אַ קיכל,
וואָס מאַכט זאַט אי מיך, אי לייט.

שטומער א

וואו — וואוהין

וואוין — וואוינונג

וואונד — וואונדער

וואויל — וואוילער

וואוינען — איינוואוינער

וואונדער — וואונדערבאַר

איך	אויך	איידער
איבער	אויבן	איי
אונטער	אייזן	אידיש
אונזער	אייך	אינגל

וואונד — פאַרוואונדעט

וואונדער — פאַרוואונדערט

וויסן — געוואוסט

געווינען — געוואונען



דער גרויסער נס

נס — וואונדער גראָד — פונקט

טירגאָרטן — גאָרטן פון חיות געציטערט — געשראָקן

אין אַ שטאָט זיינען אַמאָל אַנטלאָפן די חיות פון טירגאָרטן. די איינוואוינער פון שטאָט האָבן זיך אַלע באַהאַלטן אין די הייזער און געציטערט אַרויסצוגיין אַף דער גאַס. אין יענעם טאָג איז גראָד געקומען אין שטאָט אַריין אַ פרעמדער איד. דער איד האָט פון גאָרניט געוואוסט.

גייט ער אַזוי אַף אַ בריק אין מיטן שטאָט. ער גיט אַ קוק — ערשט ס׳קומט אים אַנטקעגן אַ לייב. וויל ער לויפן צוריק — ערשט פון דער אַנ־דערער זייט קומט אים אַנטקעגן אַ טיגער. האָט ער שוין געוואָלט אַראָפּשפּרינגען אין טייך אַריין. ער האָט אָבער ניט געקענט שווימען. וואוהין זאָל ער גיין?

און דאָך איז דער איד געראַטעוועט געוואָרן פון אַ זיכערן טויט. וואָס פאַר אַ נס איז געשען מיט אים?

דער נס איז געשען, וואָס די גאַנצע מעשה איז אַ ליגן.

טש

גליטשן	טשערעדע	שטענדיק
בייטש	טשייניק	שטאַרק
קוויטש	דייטש	בינשטאָק
מענטש	פּאַטשיילע	שטעקן

דער מענטש און די שלאַנג

אַ מענטש איז געגאַנגען אין פעלד און דערזען אַ פאַרפרוירענע שלאַנג. האָט ער אַף איר רחמנות געקראָגן און זי אַריינגעלייגט צו זיך אין בוזעם. די שלאַנג האָט זיך אַביסל אָנגעוואַרעמט און דעם מענטשן אַ ביס געטאָן אין ברוסט.

פון ווייטיק האָט דער מענטש אַ קוויטש געטאָן און אַוועקגעוואָרפן די שלאַנג. ער איז אַליין אויך אַוועקגעפאַלן אַף דער ערד און מיט טרויער געזאָגט:

— רעכט אַף מיר. אַף אַ שלאַנג טאָר מען קיין רחמנות ניט האָבן.

רחמנות	אָנגעוואַרעמט	פאַרפרוירן
בוזעם	רעכט	קוויטש

שנייעלאַך

שנייעלאַך גרינינקע,
ווייסינקע, קלאָרינקע —
דרייען זיך, טראָגן זיך שנעל.
קינדערשע טרערעלאַך,
בלישטשענדע פּערעלאַך,
שיינען זיי, לייכטן זיי העל.

אינגעלאַך, מיידעלאַך,
שליטלען זיך, גליטשן זיך,
ס׳איז אַ מחיה, אַ פּראַכט.
ס׳רויטלען זיך בעקעלאַך,
ס׳פינקלען די אייגעלאַך —
שטערנדלאַך פינקלען ביינאַכט.

צוויי פאַרלאַנגען

אַ פּאָטער האָט געהאַט צוויי טעכטער. האָט איינע חתונה געהאַט מיט אַ גערטנער און די אַנדערע מיט אַ טעפּער.

איינמאָל קומט דער פּאָטער צו זיינע קינדער צוגאַסט.

פרעגט ער די ערשטע טאָכטער:

— וואָס איז דיין פאַרלאַנג, קינד מיינס?

— איך וויל עס זאָל שטאַרק רעגענען.

פרעגט דער אַלטער ביי דער צווייטער טאָכטער:

און וואָס איז דיין פאַרלאַנג, קינד מיינס?

— איך וויל די זון זאָל שיינען.

שטייט דער אַלטער צעמישט און ווייס ניט וואָס צו טאָן.

1) פאַרוואָס האָט די ערשטע טאָכטער געבעטן רעגן?

2) פאַרוואָס האָט די צווייטע געבעטן די זון זאָל שיינען?

3) וואָס טוט אַ טעפּער?

4) וואָס טוט אַ גערטנער?

5) וואָס האָט דער אַלטער געדאַרפט טאָן?

קענסטו דאָס טאָן?

1) מאַך די ווערטער קלענער, עס זאָלן ווערן נייע ווערטער.

פעטער — פעט	אייזן —	באַרימט —
דערזען —	איידער —	הונגעריק —
טירגאָרטן —	ווערן —	ווישט —
טויער —	גרוים —	באַלעבאָס —
זיידע —	צוריק —	געלעכטער —
		ברענגען —

2) מאַך די ווערטער גרעסער, עס זאָלן ווערן נייע ווערטער.

זיך — זיכער	אין — אינגל
זיי —	לער —
צי —	וואו —
מיט —	דער —
און —	וויל —

ריכטיק [ ] ניט ריכטיק [ ]

3) וואַרף אַראָפּ איין אות עס זאָלן ווערן נייע ווערטער.

פעלד — פעל	שפּילקע — פּילקע
גליד —	בויך —
דאָס —	ווערטער —
איידער —	טעכטער —
שמאַטע —	שטאַרק —
צוויי —	האָט —

פרילינג

קינדער אַף די גאַסן,
טויבן אַף די דעכער,
ווינטן אין דער לופטן,
וואַרימען און דופטן
מיט מיליאַסן פעכער.

דופטן אין דער לופטן —
שעפּ מיט פולע עמער!
און אין הימל גייען,
אין די ווייסע רייען,
וואָלקנדלאַך, ווי לעמער.

מיליאַסן ליאַרעם
מיליאָנען ליולקע
ליאַלקע

קענט איר דאָס לייענען?

אָט דאָס מעשה׳לע איז שווער צו לייענען. עס פעלן דאָ די צייכנס, וואו מ׳דאַרף זיך אָפּשטעלן. אויב איר ווייסט ווען אַוועקצושטעלן אַ פּינטעלע (.) אָדער אַ פרעג צייכן (?) וועט איר דאָס קענען לייענען.

אומזיסט זיך געקריגט

אַ פאָטער האָט געהאַט צוויי זין האָט ער זיי אַזוי געזאָגט אַז איך וועל שטאַרבן זאָלט איר זיך אַלץ צעטיילן אַף העלפט אַז דער פאָטער איז גע-שטאָרבן האָבן די ברידער זיך ניט געקענט איינטיילן און האָבן זיך צעקריגט זיינען זיי אַוועק צו אַ שכן ער זאָל אויסגלייכן צווישן זיי האָט דער שכן געפרעגט

ווי אַזוי האָט דער פאָטער אייך געהייסן צעטיילן

האָבן זיי אַזוי געזאָגט ער האָט אַלץ געהייסן טיילן אַף דער העלפט.

האָט דער שכן געזאָגט אויב אַזוי צערייסט אַף העלפט אַלע קליידער צעקלאַפּט אַלע כלים און צע-שניידט אַלע קי די ברידער האָבן אַזוי געטאָן און זיינען געבליבן ביי גאָרנישט

די מאַמע מיט די פינף זין

אַ מאַמע האָט געהאַט פינף זינדעלאַך: איינס — אַ קליינס, איינס — אַ שיינס, מיט אַ גילדן גאַרטעלע, איינס — אַ גרויס, איינס — אַ וואוילס און אַ קלוגס. וואָס די ברידערלאַך האָבן ניט געוואוסט, האָט ער זיי געוויזן. און איינס אַ נידעריקס, אַ דיקס מיט אַ בייכעלע.

אַמאָל זיינען אָנגעפאַלן גזלנים און זיי האָבן געזאָגט צו דער מאַמען: איין זון מוסטו אונז אַוועקגעבן! כאַטש איינעם! וועלכן דו ווילסט!

זאָגט די מאַמע; פינף זין האָב איך: איינער דער קלענסטער, איינער דער שענסטער, איינער דער גרעסטער, איינער דער בעסטער, איינער דער פעסטער. ניט אַלע זיינען גלייך, נאָר אַלע האָב איך גלייך ליב. וועלכן קען איך אייך געבן?

באַלד זיינען אַרויסגעטראָטן דער גרעסטער און דער בעסטער און דער פעסטער אין דער מיט און אַ געשריי געטאָן:

— ניין! מען גיט ניט!

זיינען צו זיי באַלד צוגעשטאַנען דער קלענסטער און דער שענסטער. האָבן זיך אַלע פינף ברידער פעסט צונויפגעשלאָסן און זיך קעגן די גזלנים געשטעלט. איז אָף די גזלנים אַ שרעק געפאַלן און זיי זיינען אַנטלאָפן!

די משפּחה

עפֿנט דעם טויער, עפֿנט אים ברייט,
ס׳וועט דאָ דורכגיין אַ גאָלדענע קייט:

דער טאַטע,
די מאַמע,
דער ברודער,
די שוועסטער.
חתן־כּלה אינמיטן
אַף אַ גאָלדענעם שליטן.

דער זיידע,
די באָבע,
דער פֿעטער,
די מומע.
די אייניקלאַך אינמיטן
אַף אַ גאָלדענעם שליטן.

משפּחה	חתן
אייניקלאַך	כּלה

עס וועט — ס׳וועט



דער ווינט

איינמאָל איז געווען אַ כמאַרנער טאָג. שווערע וואָלקנס האָבן זיך צעשפּרייט איבערן גאַנצן הימל. קענען קינדער ניט גיין אין דרויסן זיך שפּילן. זיצן קינדער אין הויז און ס׳איז זיי אומעטיק. שטייען קינדער ביי די פענצטער, קוקן אינדרויסן און זינגען אַ לידעלע:

ווינט, ווינט, טו אַ בלאָז
איבער בוים און איבער גראָז.
טרייב די וואָלקנדלאַך אַוועק,
אוי, ס׳איז אומעטיק, אַ שרעק!

האָט דער ווינט זיך באַלד געגעבן אַ לאָז ארויס איבערן דרויסן מיט אַזאַ הו-הו! און אַזאַ גו-גו! מיט אַזאַ געדריי און אַזאַ געשריי — אַז די פענצטער אין די שטיבער האָבן אַזש גענומען ציטערן.

האָבן זיך די וואָלקנס דערשראָקן און גענומען לויפן. לויפן זיי אַזוי איבערן הימל שנעל, שנעל און דער ווינט יאָגט זיי און יאָגט. און ווי די גרויע וואָלקנס פאַרלאָזן אַ שטיקל הימל אַזוי ווערט לויטער און בלוי. און אָט אַזוי איז דער הימל געוואָרן אַלץ לוי-טערער און בלויער. האָט זיך די זון באַוויזן און אַרויסגעשיקט אירע שטראַלן איבערן גאַנצן דרויסן. זיינען קינדער אַרויסגעלאָפן אַפן גאַס מיט געזאַנג:

ווינט, ווינט, גוטער ווינט,
קענסט שוין שלאָפן גיין אַצינד.
דעק זיך מיטן הימל צו,
שלאָף געזונט, דו גוטער, דו.

גראַמען דאַרף מען קענען מאַכן

יאָ, גראַמען דאַרף מען קענען מאַכן. אָבער קענען מיינט — מען דאַרף זיך לערנען. לאָמיר זען וויפל גראַמען איר קענט מאַכן צו די ווערטער:

פּערל אַכט קום צוויי מיר

ווייסטו אַנדערע ווערטער?

דאָ קומען צוואַנציק ווערטער. פאַר יעדן וואָרט קען מען נוצן אַן אַנדערס. אָבער דאָס אַנדערע וואָרט מוז מיינען פּונקט דאָס זעלבע ווי דאָס ערשטע. קענסטו דאָס טאָן?

גזלנים — רויבער
טאַשן —
פּוסטע —
קרעמל —
מאָלן —
אומעטיק —
שטיבער —
פּערל —
פּראַכט —
קוויטש —

שטענדיק — אַלעמאָל
געציטערט —
לייט —
קוועלן —
לאַנגזאַם —
שוואַך —
אַפּסניי —
פּלוצלונג —
כליפּען —
לויטער —

טאַשן האָב איך

טאַשן האָב איך, קלינג איך מיר,
טאַשן האָב איך, קלינג איך מיר,
פול און פול מיט גאָרניט! מיט די פוסטע טאַשן.
אַרט עס מיך, לאָז איך זיך,
אַרט עס מיך, לאָז איך זיך,
טאַקע גאָר אַ האָר ניט. צום קרעמל עפּעס נאַשן.

פרעגט מען מיך,
פרעגט מען מיך,
האָסט אַ פּעני צו באַצאָלן?
ענטפער איך,
ענטפער איך,
איך וועל פאַר אייך דאָס מאָלן

באַפרייט

אַ מאַן איז אַמאָל געגאַנגען איבער דער גאַס. דערזעט ער, ווי אַ אינגל שטייט און האַלט אַ שטייגל מיט פייגעלאַך. די פייגעלאַך זיינען אַרומגעפלויגן איבערן שטייגל, געשטופּט זייערע שנעבעלאַך דורך די דראָטן פון שטייגל און געפּרוּווט אַרויס אַף דער פרייער וועלט, אָבער אומזיסט.

דער מאַן האָט זיך אָפּגעשטעלט און מיט רחמנות געקוקט אַף די פייגעלאַך. דערנאָך האָט ער געפרעגט ביים אינגל:

— וויפיל ווילסטו פאַר די פייגעלאַך?

— צו פופציק סענט אַ שטיק.

— און פאַר אַלע פייגעלאַך צוזאַמען?

דאָס אינגל האָט אַ ווײַלע געטראַכט, אַ רעכן גע-טאָן און געזאָגט:

— פינף דאָלער.

דער מאַן האָט אַרויסגענומען פינף דאָלער און געגעבן דעם אינגעלע. דערנאָך האָט ער גענומען דאָס שטייגל, גלייך געעפנט דאָס טירעלע און פריי-געלאָזן אַלע פייגעלאַך.



וואָס טוען מענטשן?

צוויי קינדער אין קלאַס האָבן זיך געוואָלטן וויסן מער, וואָס מענטשן אַף דער וועלט טוען. אָבער זיי האָבן ניט געוואוסט, וואָס צו טאָן כדי דאָס אויסצוגעפינען. האָבן זיי געפרעגט אַן עצה ביים לערער. האָט דער לערער אַזוי געזאָגט:

נעמט ביידע פּאַפּיר און בלייפעדערס און נעמט אַראָפּשרייבן די נעמען פון די אַרבעטן, וואָס מענטשן טוען. דער וואָס וועט אָנשרייבן מער אַזעלכע נעמען, יענער וויים מסתמא מער פון דעם אַנדערן.

האָבן זיי געפאָלגט דעם לערער און

יאַנקל האָט אָנגע- הויבן מיטן וואָרט	/און/	סעמי האָט אָנגע- הויבן מיט וואָרט
לערער		**שוסטער**

פּרובירט איר פאַרענדיקן דעם געוועט

ווער קען בעסער אידיש?

זיבן קינדער אין אַ קלאַס האָבן גענומען אָנשרייבן אַף אַ פּאַפּיר אַזויפיל אידישע ווערטער, וויפיל ס'איז זיי געקומען אַפן זין. אָט וויפל יעדער פון זיי האָט אָנגעשריבן אין דריי מינוט:

משה	143	אסתר	142
לאה	94	בערל	63
חיים	94	פּערל	54

העגריעטאַ 68

זיי זיינען אַלע געוועזן קינדער פון 4טן קלאַס.

וויפל אידישע ווערטער וואָלט איר געקענט אָנשרייבן אין דריי מינוט? בעט אייער לערער וועט ער אייך זאָגן, ווען די דריי מינוט הייבן זיך אָן און ווען זיי ענדיקן זיך.

וואָו נעמט מען ברויט?

איינמאָל פרעגט דער לערער ביי שימעלען:
— שימעלע, וואו נעמט מען ברויט?
— ביים בעקער.
— און דער בעקער וואו נעמט?
— איך ווייס ניט.
— הער, שימעלע, וועל איך דיר דערציילן: איינ-מאָל, אין אַ שיינעם פרימאָרגן איז אַרויסגעגאַנגען אַ פויער אַפן פעלד און צעגראָבן די ערד. גענומען קערנדלאַך אַ פולע האַנט געזייט און געזאָגט:

זיי, פאַרזיי
מזל, גליק.
מאַמע נעמט,
גיט צוריק.

זיינען אַרויסגעגאַנגען קליינע קינדערלאַך און געזונגען:

גאָט, גאָט, גיב אַ רעגן,
פון די קליינע קינדערס וועגן.

איז באַלד געוואָרן וואָלקנדיק און אַ ליבער רעגן איז געגאַנגען און אָנגעטרונקען די ערד.

זיינען אַרויסגעוואַקסן פון דער ערד שיינע, הויכע, גילדערנע זאַנגען. איז אַרויסגעגאַנגען דער פויער מיט אַ בלישטשענדיקן סערפּ, אַ פּאַך געטאָן מיטן סערפּ קעגן דער זון, אַ קלונג געטאָן מיט אים אין אַ

שטיין — אַ פונק, אַ בליץ! און דער פּויער האָט גע־
נומען שנײַדן די זאַנגען.

נאָכדעם, אַז די זאַנגען זײַנען טרוקן געוואָרן האָט
ער גענומען אַ דרעשער, געקלאַפּט אין די זאַנגען און
אַרויסגעקלאַפּט פון שטרוי אַלע קערנדלאַך.

האָט דער פּויער צונויפגענומען אַלע קערנדלאַך
און זיי אַוועקגעפירט אין מיל אַרײַן. דאָרטן האָט
דער מילנער זיי געמאָלן און געזונגען:

מילעכל, מילעכל!
מאָל און מאָל!
גיב מיר, מילעכל,
מעל אָן צאָל.

האָט גענומען דער בעקער דאָס מעל, אַרײַנ־
געגאָסן וואַסער, געקנעטן ביז ער האָט אויסגעקנאָטן
דאָס טייג. ער האָט אָנגעהייצט דעם אויוון, אַרײַנגע־
זעצט די ברויטן אַהין און געזונגען:

ברויט אין אויוון,
ברויט אין אויוון,
באַקט זיך דאָרט גוט אויס.
און פון דאָרטן,
און פון דאָרטן,
פּאַרטיק קומט ארויס!

איז שימעלען געפעלן געוואָרן דאָס מעשהלע,
ער האָט זיך עס גוט אויסגעלערנט און אַלעמען דער־
ציילט.

צעמישטע ווערטער

דאָ קומען אונטן 15 שורות מיט צעמישטע ווערטער. ווי זיי זיינען אַצינד איז שווער זיי צו לייענען און מ׳קען זיי ניט פֿאַרשטיין. אַז דו וועסט זיי ריכטיק איבערשטעלן, וועסטו גלייך אויסגעפינען פון וועלכע לידער זיי קומען.

1) קאָפּ ער אין פֿאַלט שימעלע
2) קראַפּט עסן קריגן און מיר
3) גוט דעם ווער אַרבעט עס איז
4) קליין כאָטש יונג און זיינען מיר
5) גאַס שפּילט בער אַ מיטן אין
6) ער נאָר פֿאַר האָט גילדן איר צוויי
7) פּוטער מיט גיב ברויט מיר
8) פיר דריי איינס און שוין זיין וועט
9) הערנער קומט ציג אַ מיט
10) הויך אין דער פֿליען
11) וועלדער די אין וועלף בערן און
12) מויז דו איך קאַץ די די
13) נאָל שוסטער דער מיטן שטעכט
14) יאַרידן פֿאָרן אַף אידן פֿאָרן זיבן האנדלען
15) קוועלן אוף צו ניט הערט

[ ] ריכטיק

[ ] ניט ריכטיק

די באָבעצקע מיט די קינדערלאַך

אַמאָל איז געווען אַ באָבעצקע, האָט זי געהאַט אַסך, אַסך קינדערלאַך. איינמאָל האָט די באָבעצקע געדאַרפט גיין אין וואַלד קלייבן שפּענדעלאַך. האָט זי אָנגעזאָגט די קינדערלאַך, אַז טאָמער וועט ווער קומען זאָלן זיי קיינעם ניט אַריינלאָזן. דער עיקר זאָלן זיי זיך היטן פאַר דעם גרויסן בער, וואָס דרייט זיך אַרום אין וואַלד, אַרום הויז.

אַז די באָבעצקע איז אַוועק, האָבן געגומען די קינדערלאַך און האָבן פאַרמאַכט אַלע פענצטער פאַרקייטלט אַלע טירן און האָבן זיך באַהאַלטן: איינער אַפן אַלמער און איינער אונטערן אַלמער; איינער אַפן בעט און איינער אונטערן בעט; איינער אַפן אויוון און איינער אונטערן אויוון; איינער אַפן קוימען און איינער אונטערן קוימען. נאָר דער קליי-נינקער העשעלע האָט מער ניט געפונען קיין אָרט, אַוואו זיך צו באַהאַלטן. האָט ער זיך באַהאַלטן אין אַ קליינינק פלעשעלע.

איז פאַרבייגעגאַנגען דער גרויסער בער. האָט ער געזען, ווי די באָבעצקע איז אַוועק אין וואַלד קלייבן שפּענדלאַך. טראַכט ער זיך: „כ'וועל אַריין און אויפעסן אַלע קינדערלאַך".

קלאַפּט ער אין טיר: „קינדערלאַך, קינדערלאַך, עפנט מיר!" קיינער ענטפערט נישט.

קלאַפּט ער ווידער: „קינדערלאַך, קינדערלאַך, כ'וועל אייך געבן שוואַרצע יאַגעדלאַך!" זאָגן די קינדערלאַך: „ניין, מיר האָבן אַליין!"

זעט דער בער, אַז זיי ווילן ניט עפֿענען, זאָגט ער: „אַז איר וועט ניט עפֿענען וועל איך אַליין אַריין!"

זאָגן די קינדערלאַך: „מיר האָבן פֿאַר דיר קיין מורא ניט, מירן בעסער פֿאָלגן דער באָבעצקע!"

איז דער בער געוואָרן אין כּעס און געגעבן אַזאַ זעץ אין טיר, אַז זי איז צעבראָכן געוואָרן אויף פּיץ־פּיצעלאַך. איז ער אַריין אין שטוב, האָט אויפֿגעזוכט אַלע קינדערלאַך און האָט געעפֿנט דאָס גרויסע מויל און געמאַכט: האַם! האַם! און האָט אופגעגעסן אַלע קינדערלאַך. נאָר דעם קלײנעם העשעלע, וואָס איז געלעגן אין פֿלעשעלע, האָט דער בער ניט געקאָנט געפינען. איז ער צוריק אַוועק אין וואַלד.

אַז די באָבעצקע איז געקומען אַהיים האָט זי גענומען רופֿן און שרייען: „קינדערלאַך, קינדערלאַך, וואו זייט איר?" קיינער ענטפערט ניט. „קינדערלאַך, קינדערלאַך, וואו זייט איר?" קיינער ענטפערט ניט. האָט זי זיי גענומען זוכן. זי זוכט אין פּירהויז — ניטאָ. זי זוכט אויפֿן בוידעם — ניטאָ. האָט זי ווידער גענומען שרייען און רופֿן:

„קינדערלאַך, קינדערלאַך, וואו זייט איר?"

האָט דער קלײנינקער העשעלע דערהערט, אַז די באָבעצקע רופֿט, איז ער אַרויס פֿון פֿלעשעלע און דערציילט די גאַנצע מעשה: ווי ס'איז געקומען אַ בערעלע און האָט צעבראָכן די טיר און האָט אופֿגעגעסן אַלע קינדערלאַך.

ווי די באָבעצקע האָט דאָס דערהערט האָט זי גענומען אַ גרויס מעסער און איז אַוועק צום קאָוואַל

און האָט אים גוט אָנגעשאַרפֿט און באַהאַלטן אונ־
טערן פֿאַרטוך. דערנאָך איז זי אַוועק אין וואַלד און
גענומען רופֿן:

„בערעלע, בערעלע, קום צו מיר!“ — „כ׳וויל
ניט!“

זאָגט זי: „בערעלע, בערעלע, כ׳וועל דיר געבן
קאַשע מיט מילך!“ — „כ׳וויל ניט!“

זאָגט זי ווידער: „בערעלע, בערעלע, קום וועל
איך דיך אויספּוצן!“ — „כ׳ווילו!“

האָט די באָבעצקע אַוועקגעלייגט דאָס בערעלע
אויפֿן שויס און האָט אים גענומען פּוצן. דערנאָך האָט
זי אַרויסגענומען דאָס שאַרפֿע מעסער און געמאַכט
איבערן בערעלעס בייכעלע: כיק־כיק! — זיינען
אַרויסגעפֿאַלן אַלע קינדערלאַך. האָט זי גענומען
די קינדערלאַך, האָט זיי גוט אַרומגעוואַשן און אַרום־
געפּוצט און פֿאַרקעמט. זי האָט זיי אָנגעטאָן נייַע
הייזעלאַך מיט נייַע שיכעלאַך און זעקעלאַך און זיי
אָפּגעשיקט אין חדר אַריין.

אַ פֿלעקעלע אַריין,
אַ פֿלעקעלע אַרויס —
די מעשה לאָזט זיך אויס!

וואָס מיינען די ווערטער?

דאָ קומען אַ ריי ווערטער וואָס דו האָסט פריער געלערנט. נאָך יעדן וואָרט קומט אַ צווייט וואָרט, אָדער צוויי ווערטער, וואָס זאָגט אונז וואָס דאָס ערשטע וואָרט מיינט. אויב דאָס צווייטע וואָרט מיינט דאָס זעלבע ווי דאָס ערשטע שטעל אַ (+) פלוס נאָכן צווייטן וואָרט. אויב ניט, שטעל אַ (—) מינוס.

1) וואויל — גוט —	21) שטענדיק — שטיין —
2) גזלנים — האָלצהעקער —	22) וואָלקן — כמאַרע —
3) טאַשן — קעשענעס —	23) ציטערט — געצייכנט —
4) פוסטע — ליידיקע —	24) פרעמדער — לאַנגער —
5) קרעמל — שערל —	25) איינינקלאַך — צווייגן —
6) מאָלן — צעשניידן —	26) לייט — מענטשן —
7) אויוון — אויבן —	27) רינדער — שאָף —
8) כמאַרנע — וואָלקנדיק —	28) מורמלען — טומלען —
9) אומעטיק — זויער —	29) דראַפּען — כאַפּן —
10) שטיבער — דעכער —	30) קוועלן — לייכטן —
11) לויטער — לייטער —	31) לאַנגזאַם — זייער לאַנג —
12) דופטן — שמעקן —	32) שטומפּיק — שטום —
13) מיליאַסן — מיליאָנען —	33) אויבן — פייער —
14) פעכער — דערנער —	34) יאַריד — מאַרק —
15) פאַרלאַנג — דערלאַנג —	35) מאַנדלען — האַנדלען —
16) פערל — מעסער —	36) יעגער — הויך —
17) בלישטשען — שײַנען —	37) יאַגד — בייגל —
18) פראַכט — שיינקייט —	38) שוואַך — זאַט —
19) פינקלען — ווייניק —	39) טייך — בלאָס —
20) קוויטש — טישטוך —	40) פויער — פאַרמער —

קענסטו די ווערטער?

אָט די אַלע ווערטער האָסטו שוין פריער געלערנט. וויפל פון זיי קענסטו ריכטיק איבערלייענען? ווייסטו וואָס זיי מיינען?

כלה	רחמנות	רעש	כסדר
חתן	שכן	גלח	חדר
מעשה	כלים	רב	רבי
חלה	גזלנים	נשמה	סוחר
נס	מורא	מדינה	תיכף
חיות	חתונה	גוף	שעה
מחיה	פנים	סוף	משפחה
קול	ימ׳ען	סוד׳ען	כעס

קאָנטראַסטן

אָט זיינען נאָך ווערטער, וואָס האָבן קאָנטראַסטן. געפין זיי אויס, אונטן:

אָנהייב —	ליגן —
קריג —	טריף —
אַביסל —	גוף —
נאַר —	איבערגעבעטן —
מענטש —	ניכטער —

סוף, שיכור, ברוגז, חיה, חכם, אַסך, שלום, נשמה, כשר, אמת

דער געשריבענער אלף-בית

צ-ץ	מ-ם	ז	א
ק	נ-ן	ח	ב
ר	ס	ט	ג
ש	ע	י	ד
ת	פ	כ-ך	ה
	פ-ף	ל	ו

איטן א״ב קען מען ציילן

א	איינט	איינס	י	איינט	צען
ב	"	צוויי	כ	"	צוואנציק
ג	"	דריי	ל	"	דרייסיק
ד	"	פיר	מ	"	פערציק
ה	"	פינף	נ	"	פופציק
ו	"	זעקס	ס	"	זעכציק
ז	"	זיבן	ע	"	זיבעציק
ח	"	אכט	פ	"	אכציק
ט	"	ניין	צ	"	ניינציק

ק איינט הונדערט

ווייסטו ווען?

1) ווען זאָגט מען: גוט מאָרגן?
2) ווען זאָגט מען: אַ גוטן טאָג?
3) ווען זאָגט מען: גוטן אָוונט?
4) ווען זאָגט מען: אַ גוטן אָוונט?
5) ווען זאָגט מען: אַ גוטע נאַכט?
6) ווען זאָגט מען: אַנטשולדיקט?
7) ווען זאָגט מען: זייט אזוי גוט?
8) ווען זאָגט מען: שלום עליכם?
9) ווען זאָגט מען: אַ דאַנק?
10) ווען זאָגט מען: נישטאָ פאַרוואָס?

וואָס וואָלסטו געטאָן?

1) ווען דו זעסט דאָס הויז ברענט?
2) ווען דו ווערסט פאַרבלאָנדזשעט?
3) ווען דו געפינסט עפּעס, וואָס איז ניט דיינס?
4) ווען דו זעסט אַ מענטש טרינקט זיך?
5) ווען דו זעסט אַ קינד שפּילט זיך מיט פייער?
6) ווען דו זעסט אַ גנבֿ?
7) ווען דו זעסט אַ בלינדער וויל אַריבערגיין די גאַס?
8) ווען אַ פרעמדער גיט דיר אַ פּעקל און דו ווייסט ניט, וואָס עס איז?
9) ווען אַ גרויס אינגל שלאָגט אַ קליין קינד?
10) ווען דו ווילסט עפּעס קויפן און דו האָסט ניט קיין געלט?

אינהאַלט:

זייט

וואָס דו דאַרפסט וויסן 3
עפּעלע — יצחק קאַצנעלסאָן (ע, ל, פּ) 4-5
קעפּעלע — י. קאַמינסקי (ק ג) 6-7
אַ טענצל — י. ל. פּרץ (ט) 8-9
איך האָב ליב — ב. סמאָליאַר (ב, אַ) 10-11
פּאַלט אַ רעגנדל — קאַדיע מאָלאָדאָווסקי (פּ, אַ) 12-13
טעסט אין לייענען און אויסלייגן 14-15
עפּל מיט ברויט — י. קאַמינסקי (י, ר) 16-17
אַרבעט — ב. פרידמאַן (ש,ו) 18-19
טעסט אין אויסלייגן און וואָרט קענטשאַפט 20-21
שלאָפליד — א. גאָלדפאַדען (פ־ף) 22-23
העלדן — יצחק קאַצנעלסאָן (יי) 24-25
טעסט אין לייענען און אויסלייגן 26-27
קלעזמער — א. שטיינבאַרג (ס־ז) 28-29
דאָס ציגעלע — פאָלקסליד (צ) 30-31
ברויט מיט פּוטער — ב. סמאָליאַר (מ) 32-33
טעסט אין וואָרט קענטשאַפט 34
מירעלע 35
די פאַמיליע — י. ל. פּרץ (ד) 36-37
אַ ציג און אַ רויז — אלף כץ (וי) 38-39
אַף דער הוידע — מ. שיפרים (ה) 40-41
דער פרילינג — ש. לאַנדינסקי (נ־ן) 42-43
טעסט אין אויסלייגן און וואָרט קענטשאַפט 44-45
זומער — נחום י. (וו) 46-47
דאָס פליגעלע און דאָס פייגעלע — פ. הייפּערין 48
קאָנטראַסטן 49
איך און דו — אסתר סיגאַל (כ־ך) 50-51
דער שוסטער — קאַדיע מאָלאָדאָווסקי (אי, איי, או, אוי) 52-53
געסט — קאַדיע מאָלאָדאָווסקי (צ־ץ) 54-55
דער פויער און דאָס אינגל (גר. ביימעלעך) 56
אַרום דער וועלט — נפתלי גראָס (מ־ם) 57-58
דו שלאָגסט זיך גאָר — יצחק קאַצנעלסאָן 59

דו שלאָגסט זיך גאָר — יצחק קאַצנעלסאָן 58
דער הונט און דער וואָלף — ש. באָסטאָמסקי (יא, יע, יאָ, יו) 60
זיבן אידן — מאַני לייב 61
קאָנטראַסטן און ווערטער־שפּיל 63-62
די זשאַבע און דער אָקס — עזאָפּ (גר. ביימ.) (זש) 64
קאַרוסעלן — י. גויכבערג 65
מיכל, מיכל — א. שטיינבאַרג (שטומער א) 67-66
דער גרויסער נס — ש. באָסטאָמסקי 69-68
דער מענטש און די שלאַנג (גר. ביימעלעך) (טש) 70
שנייעלאַך — יעדידאָוויטש 71
צוויי פּאַרלאַנגען — אברהמל 72
טעסט אין וואָרט קענטשאַפט 73
פרילינג — מאַני לייב 74
אומזיסט זיך געקריגט — ש. באָסטאָמסקי (פּונקטואַציע) 75
די מאַמע מיט די פינף זין — א. שטיינבאַרג 76
די משפּחה — קאַדיע מאָלאָדאָווסקי 77
דער ווינט — אידע קאָזלאָווסקי־גלאַזער 78
גראַמען און סינאָנימען 79
טאַשן האָב איך — י. קאַמינסקי 80
באַפרייט (פון בוך „קינדער”) 81
טעסט אין וואָרט קענטשאַפט 82
וואו נעמט מען ברויט — א. שטיינבאַרג 84-83
טעסט אין זאַץ קענטשאַפט 85
די באָבעצקע און די קינדערלאַך — י. ל. כהן 88-87-86
ווייסטו ווען 90
טעסט אין וואָרט און שפּראַך קענטשאַפט 90-89
דער א"ב — „ 92
אינהאַלט
באַמערקונגען

עטלאַכע באַמערקונגען

1) מיט דעם איצטיקן לערנביכל פּרוּווט דער מחבר אויסצובעסערן אַ ריי חסרונות אין דעם אונטערריכט פון אידיש מיט אָנפאַנגער. דער אינהאַלט איז כמעט אינגאַנצן אַ נייער. אינגאַנצן ניי איז דער טעכנישער צוגאַנג, באַזונדערס אין שייכות צו די טעסטן און די פאַרשידענע קאָנטראָל־מיטלען, וואָס ווערן דאָ אויסגענוצט, ווי אַ באַשטאַנד־טייל פון פאָרמעלן אונטערריכט.

2) מיר קענען זיך, לײדער, דאָ ניט אָפּשטעלן ברייט גענוג אַף די מעטאָדישע אָנווייזונגען, ווי אַזוי אויסצונוצן דאָס לערנביכל. דער אמת, אָבער, אַז די לערער, וואָס וועלן זיך גענוי באַקאָנען מיטן לערנביכל, וועלן לייכט אופכאַפּן די טעכנישע מעטאָדע, וואָס ווערט דאָ גענוצט. אַף עטלאַכע מאָמענטן מוזן מיר זיך דאָ יאָ אָפּשטעלן:

א) דאָס מאַטעריאַל איז אַזוי צוזאַמענגעשטעלט, אַז דאָס שרייבן קומט אַריין, ווי אַ נאַטירלאַכער טייל פון לייענען, און פאַרקערט. דאָס איז באַזונדערס אמת וועגן די פאַרשידענע טעסטן און שפּילן. געשריבענע טעקסטן זיינען אינגאַנצן אויסגעלאָזן געוואָרן, מחמת זיי נעמען בלויז צו באַשרענקט פּלאַץ אין אַן אָנפאַנגער־ביכל און פאַרנעמען סיי ווי ניט די אַרבעט אין שרייבן, וואָס דער לערער פירט אָן אַפן שרייב־ברעט.

ב) פּאַראַלעל מיט יעדער גרופּע איבונגען קומט אַ טעקסט — אַ ליד — אַף וועלכן די איבונגען זיינען געבויט. די לערער וועלן, פאַרשטייט זיך, פון אָט די לידער אויסקלייבן די נייטיקע ווערטער און אַזוי אַרום פאַרבינדן די טעכנישע איבונגען מיט אַ לייען־טעקסט. די לידער דאַרפן די קינדער לערנען אַף אויסווייניק פאַר דעם פאָרמעלן לערנען פון די איבונגען.

ג) דורכן גאַנצן ביכל זיינען דורכגעוואָרפן פאַרשידענע מוסטערן פון טעסטן און שפּילן. אַף ווי ווייט מעגלאַך דאַרפן די לערער זען צוזאַמענשטעלן ענלאַכע מאַטעריאַלן כדי זיך צוצופּאַסן צו די באַזונדערע באַדינגונגען פון זייערע שולן.

ד) די טעסטן דאַרפן דעם לערער דינען, ווי קאָנטראָלן פון דער

אפגעטוענער ארבעט און דארפן זיך, וואס אפטער אנזען אין קלאס. שווערקייטן און שוואכקייטן אין לייענען און שרייבן פירן צו גאנץ היפשע פראבלעמען אין קלאס סיידן זיי ווערן שנעל און באצייטנס באזייטיקט. דער לערער וועט דעריבער זיך ניט איילן אין דער אר־בעט, באזונדערס מיט יענע קינדער, וואס קענען ניט מיטגיין מיטן גאנצן קלאס. די טעסטן וועלן אים העלפן דיאגנאזירן אזעלכע שווער־קייטן און שוואכקייטן.

ה) גרויס אכט מוז געלייגט ווערן אף דער מינדלאכער שפראך־אנטוויקלונג. אן דעם קען זיך קיין לערער ניט רירן, מעג דאס לערנ־ביכל זיין פון די סאמע בעסטע. די פארשידענע ווארט און זאץ־טעסטן און די פארשידענע פראגעס, צוזאמען מיט די וועלכע דער לערער וועט אליין אויסארבעטן, דארפן העלפן אנטוויקלען ביי די קינדער א געניגנדיקן וואקאבולאר, וואס זאל פירן צו א פליסיק רעדן. אין די ערשטע שטופן וואלט נייטיק געווען אפגעבן אף דער מינדלאכער שפראך אפילו א העלפט פון דער געפלאנטער צייט פאר דער לעקציע. פאר דעם צוועק וועט דער לערער אויך קענען אויסנוצן די פארשידענע אינפארמאציעס, וואס געפינען זיך אין ביכל וועגן רעכענען, צייטן, באגריסונגען, א. א. וו.

3) דער מחבר איז שולדיק א דאנק די ארויסגעבער פון די „גרינינקע ביימעלעך" און באזונדערס פון „קינדער זשורנאל" פאר די מערסטע מאטעריאלן אין דעם לערנביכל.

י. שטיינבוים

די היימשול, יאנואר, 1934